(C) Copyright 2000 Artists For Israel
# קולוסאינס

1 שאול א שליח פון ישוע המשיח לויט זיין רצון און אויך טימוטיוס.
2 צו די קדושים און די געטרייע ברידער אין ישוע המשיח אין
קולסאי
3 חסד זאל זיין אויף אייך און אויך שלום פון  ג-ט,אונדזער
פאטער,און פון
ישוע המשיח.
4 ווייעל  מיר האבן געהערט פון אייער אמונה אין ישוע  המשיח
און פון
די  ליבשאפט איר האט צו אלע ג-טס פאלק.
5  ביידער סטאמען  פון די פעסטע אמונה  אז איר וועלן באקומען
דאס וואס
איר פאר אייך אוועקגעלייקט אין הימל.איר האבן דאס פריער
געהערט  אין די בשורה
פון אמת-די גוטע בשורה
6  וואס איז געקומען צו אייך  אזוי ווי סאיז געקומען אין די
גאנסער וועלט.
און עס ברענקט פרות  אזוי ווי עס האט געברענקט אין אייך פון דעם
טאג וואס
איר האט עס געהערט און געוואסט  ג-טס חסד אין איר אמת.
7  אז איר האט  עס געלערנט פון עפּאפאראס  אונדזער באליבטער
ברודער און
מיטארבעטאר  ווער איז פאר אייך א איבערגעגעבענער שליח פננם
משיח.
8  ווער האט אונדז אויך געזאגט פון אייער ליבע אין גייסט.
9  דעריבער פון  דעמאלסט מיר  האבן נישט אויפגעהערט  מתפלל
זיין פאר
אייך און בייטן בייג-ט אז ער זאל אייך פילען  מיט  די חכמה פון זיין
רצון
אין אלע חכמה און פארשטאנד וואס  דער  גייסט האט אייך
געשעקנט.
10  כדי איר זאלט לעבן  אין א ווייז וואס איז ווערדיק  צו ג-ט און
גיט
אים נחת רוח,וואס איז פרוכטבאר אין אלע מעשים טובים און מיט
מער און מער דעת
השם.

11  מיר זיינן מתפלל אז איר זאלט כסדר פארשטארקט ווערן  מיט אלע קראפט
וואס קומט פון זיין הערליכער קראפט.
12   לויבן  דעם פאטער ווער האט אייך  געמאכט ראוי איינטיילנעמען אין די
ירושה פון זיין פאלק אין ליכטיקייט.
13  ער האט אונדז מציל געווען פון  פינסטערניש און האט אונדז אריינגעפירט
אין  זיין טייער זונס מלכות.
14  דורך זיין זון האבן מיר א פדיון ,א פדיון פון פון עבירות.
15  ער איז די גלוי פון דעם  אומזעיעדיקער ג-ט
ער איז העכסט איבער די גאנסער בריאה.
16  ווייעל דורך אים איז אלעס וואס איז אין הימל און ערד  באשאפן געווארן
,אלעס  וואס איז בגלוי אדער בסתר -זאל עס זיין דער כסא הכבוד עולמות, מלכיות,אדער
כוחות:אלעס איז באשאפן געווארן דורך אים און פאר אים.
17 ער איז געווען פאר די בריאה און  דורך אים איז אלעס בקיום.
18  אויך איז ער דער  הויפט פון די קהילת  המשיח ער איז דער ראשית און
דער ערשטער פון תחית המתים כדי ער זאל זיין דער ערשטער אין אלצדינג.
19ווייעל עס האט געפלן ג-ט  אז זיין גאנסער מהות זאל רוען אין אים.
20  און דורך זיין זון  אויס צו שטימען מיט  אלעס אויף ערד און הימל,שלום
מאכן דורך  האבנדיק זיין זון גיסן זיין בלוט ווען ער איז געהרגט געווארן.
21      און איר ווער זיינן געווען פרעמד און האבן געהאט א בייז הארץ  צוליב
אייערע שלעכטע מעשים זיינען יעצט  בשלום מיט אים.
22  האט ער יעצט  שלום געמאכט  אין דער זונס קערפער דורך זיין טויט, כדי
אייך צו שטעלן פארהייליקט אן א פסול   אדער א פעלער  פאר אים.

23  בתנאי אז איר זייט ממשיך צו גייען אין דער אמונה  פעסט און פלייסיק
און זייט נישט אוועקגעשלעפט פון  פון די האפאנונג פון די בשורה

וואס איר האט
געהערט און וואס איז געדרשנט געוועו צו אלעמען אין דער
וועלט.און איך שאול
בין געווארן א שליח צו איר.
24 איך פריי זיך אין מיין יסורים פאר אייעט וועגן און איך בין
משלים
אין מיין פלייש וואס האט געפעלט אינם משיחס יסורים פאר זיין
גוף וואס איז
די קהילה.
25 איך בין געווארן א שליח פון די גוטע בשורה ווייעל ג-ט האט מיר
געגעבן
דעם פליכט פאר אייער טובה.
26 דער סוד וואס איז בהאלטן געוועו פאר אלע דורות אבער
יעצט נתגלה
געווארן פאר די אלע פון זיין הייליקע.
27 צו די האט ג-ט געוואלט מגלה זיין ווי גרויס צווישן די גוים
איז
זיין הערליכער רייכקייט פון דעם התגלות.און דאס איז די התגלות
אז אז
משיח איז מיט אייך פאראייניקט און אין דעם פרט ליקט אייער
האפאנונג צו הערליכקייט.

28 און מיר פראקלאמירן אים און זיינן מזהיר און לערנן אלעמען
אין
אלע חוכמות כדי מיר זאללן קענן אוועקשטעלן אלעמען פערפעקט
אין ישוע המשיח.

29 צוליב דעם ארבעט איך אזוי פעסט מיט אלע כוחות וואס ער איז
מעורר אין
מיר אזוי שטארק.

## קאפיטל 2

1 ווייל איך האב געוואלט אז איר זאלט וויסן וואס א גרוסער קאמף
איך האב
פאר אייך און אויך פאר די אין לייודיסיא און אויך פאר די אלע
וועלכע האבן
מיין פנים נישט געזען.

2 כדי אז זייערע הערצער זאללן זיין געטרייסט  זייענדיק
צוזאמענגעקניפט
אין ליבע  און דער גאנסער עשירות פון דער פולע געוויסהייט פון
פארשטאנד  כדי
צו וויסן דעם סוד פון ג-ט און פונם נמישח.
3 אין וועמען זיינן באהאלטן די אוצרות פון חכמה און
דערקענטעניש.
5 ווייך אפילו איך בין  ווייט פון אייך בגוף,בין איך מיט אייך אינם
גייסט,פרייענדיק
און אנקוקענדיק אייער ארדנונג און אייער פעסטקייט  פון אייער
אמונה אינם
משיח.
6 דעריבער ווי איר האט מקבל געווען משיח ישוע דעם האר,אזוי
זאלט איר ממשיך
זיין גיין אין אים.
7 אריינגעווארצלט און אויפגעבויט אין אים.,און פעסטגעשטעלט אין
דער אמונה
אזוי ווי איר זייט געלערנט געווארן ,מיט א גרויסער  לויב.
8 פאס אויף טאמיר איינער  זאל אייך קליא מאכן דורך פלוסופיא און
פוסטע
באטרוג  לויטן מענטשליכער קבלה ,לויט די יסודותדיקע כללים פון
דער וועלט,און
נישט לויט דעם משיחץ
9 ווייל אין אים וואוינט די גאנסער פולקייט פון דער ג-טהייט
קערפלעך.
10 און איר זייט בשלמות אין אים וועלכער איז דער קאפ פון  יעדער
ממשלה
און מאכט.
11 אין וועמען איר זייט אויך געמלט מיט דער ברית מילה פון ואס
איז געמאכט
אן הענט ,דורך אויסטון זיך פון דער  גוף  פון פלייש ,אין דער ברית
מילה פונם
משיח.
12 נקבר ווערן מיט אים צוזאמען אין דער טבילה און וועלכער איר
זייט אויך
אויפגעשטאנן דער די אמונה  אין ג-טס קראפט ,וועלעכער האט אים
אויפגעוועקט
פון די טויטע.

13 ,און איר זייענדיק אין אייערע זינד און אייער אומגעמאלט מצב פון אייער
לייב,האט ער אויפגעלעבט צוזאמען מיט אים ,האבענדיק איך מוחל געווען אייערע
עבירות.
14 אויסמעקענדיק אייער כתב מיט די געזעצן וואס איז געווען קעגן אייך
און האט עס אוועקגענומען פון אונז און צוגענעגלט צום קרייץ.
15 און האבענדיק געמאכט אנונטערגעווארפן די ממשלות און מאכטן ,ער האט געמאכטא
באוויז פון זיי אפען ,טרויומפירנדיק איבער זיי.
16 דעריבער זאל קיינער אייך נישט משפטן וועגן אייער מאכל און משתה צו וועגן
יום טובים אדער ראשי חדשים צו שבתים.
17 וועלכע זיינן א שאטן פון די זאכן לעתיד לבא:אבער דער עצם גוף איז פון
דער משיח.
18לאזט קיינעם אפנארין אייך דירך א שפלות פון זיך אליין אדער און א דינען
צו מלאכים,אריינמישן אין די זאכן וואס ער אליין האט נישט געזען ,און איז אומזיסט
אויפגעבלאזן מיט זיין גשמיותדיק שכל.
19 און האלט נישט אן דעם קאפ פון וועלעכן די גאנסער קערפער דורך די געלענקן
און קשרים האט איר שפייז פארזארגט און צוזאמענגעקניפט ,וואקסט מיט דעם וואוקס
מיום ליום.
20 אויב איר זייט געשטארבן מיט דעם משיח לגבי די גשמיות פון דער וועלט,פארוואס,ווי
לעבעדיק אין דער וועלט ,זייט איר אונטערטעניקט צו געזעצן:
21 רירט נישט אן,פארזוכט נישט,נעם נישט אין די הענט ארײן:
22 דאס אלץ ווערט פארדארבן דורכן געברויך -לויט די מצוות און לערנונגען
פון מענטשן?
23 אזעלעכעס האט נאר דעם שיין פון חכמה אין א דינען פון דעם ווילן און
אין א שפלות און אין א פייניקן דאס לייב,עס האט אבער נישט קיין ווערט (עס

דינט בלויז)צו דער באפרידיקונג פון דעם פלייש.

קאפיטל 3

1 אויב איר זייט אויפגעשטאנען צוזאמען מיטן משיח,זוכט די זאכן וועלכער זיינען
פון אויבן,אוואו משיח זיצט אויף רעכער האנט פון ג-ט.
2 טראכט פון די זאכן וועלכער זיינען פון אויבן נישט אויף די זאכן אויף דער
ערד.
3 ווייל איר זייט געשטארבן ,און אייער לעבען איז באהאלטן מיט דעם משיח
אין ג-ט.
4 ווען דער משיח ,וועלכער איז אייער לעבן וועט נתגלה ווערן ,דעמאלט וועט
איר אויך נתגלה ווערן מיט אים אין כבוד.
5 טייט אויפ אייערע אברים ,וועלכע זיינען אויף דער ערד:זנות,טומאה,ליידנשאפט,
בייזע תאוות, און קנאה,וואס איז עבודה זרה.
6 צוליב וועלכע ג-טס כעס קומט אויף די קינדער פון ווידערשפעניקייט:
7 אין וועלכע איר האט אויך א מאל געוואנדעלט ווען איר האט דעלעבט אין די
דאזיקע.
8 אבער יעצט האט איר אוועגעלייגט די אלע זאכן:כעס,רוגז,רשעות,כפירה,ניבול
פה פון אייערע מיילער.
9 זאגט איינער דעם אנדערען קיין שקרים וייל איר האט אויסגעטון דעם אלטען
מענטשן מיט זיינע מעשים.
10 און איר האט זיך אנגעטון דעם נייעם מענטשן ,וועלכער איז באנייט צו וויסענשאפט
לויט דעם בילד פון זיין בורא.
11 וואו עס איז נישט קיין גריך אדער ייד,קיין מילה אדער ערלה,בארבאר,סקיטער,עבד
אדער פרייער,נאר דער משיח איז אלץ און אין אלעם.
12 טוט זיך אן דעריבער ווי די אויסדערוועלטע פון ג-ט,הייליק און באליבט,מיט

הערצער פון רחמנות,חסד,א נידעריקע געמיט,ענווה,סבלנות:
13 פארטראגט איינער דעם אנדערן,און זייט זיך מוחל איינעם דעם אנדערן,אויב
עמיצער האטא טענה אויף עמיצען,אזוי ווי משיח האט אייך מוחל געווען ,טוט איר
אויך אזוי.
14 און איבער אלעם טוט אן ליבע,וועלכער איז דער בונד פון שלימות.
15 און לאזט הערשן ביי אייך אים הערצען דער שלום פון ג-ט,צו וועלכען
איר זייט גערופן אין איין גוף:און זייט איר דאנקבאר.
16 זאל משיחס ווארט הערשן אין אייך בשפע אין יעדער חכמה:לערנט און זייט
מזהיר איינער דעם אנדערן מיט תהילים,מזמורים און רוחניותדיקע זמירות, און
זיגנט מיט מיט דאנק ביי אייך אין אייערע הערצער.
17 און וואס איר זאלט נאר טון אין סיי אין ווארט אדער מעשה,טוט אלץ אינם
נאמען פונם האר ישוע,דאנקעדיק ג-ט דעם פאטער דורך אים.
18 פרויען זיט זיך אונטערטעניק אייערע מענער אזוי ווי עס פאסט אינם האר.

19 מענער האט ליב אייערע פרויען און זייט נישט פארביטערט קעגן זיי.
20 קינדער הארכט אייערע עלטערן אין אלעםףווייל דאס איז וואוילגעפעלן פאר
דעם האר.
21 טאטעס ,ברענקט נישט אייערע קינדער צו כעס,כדי זיי זאלן נישט פארלירן
דעם מוט.
22 קנעכט,הארכט אייערע הערן אין אלעם לויטן פלייש:נישט באדינן נארמ פארן
אויג,ווי א זעלכע וואס זיינן נושא חן ביי מענטשן:נאר מיט ערנצטקייט אין אייערע
הערצער און מיט יראת שמים.
23 און וואס איר זאלט נאר טון טוט עס מיטן גאנסן הארצן.
24 וויסענדיק אז איר וועט באקומען א שכר פון דעם ירושה :ווייל איר דינט

דעם האר משיח.
25 אבער דער וועלכער טוט אן עוולה,וועט באקומען אן עונש פאר
דער עוולה
וואס ער טוט:און עס איז נישט דא קיין נשיאת פנים.

## קאפיטל 4

1 איר הערן,גיט אייערע קנעכט דאס וואס איז גערעכט און
יושרדיק:ווסענדיק
אז איר האט א האר אין הימל.
2 זייט ממשיך מתפלל זיין,און וואכט אין דעם מיט דאנק.
3 אין אלץ זייט מתפלל פאר אונז אויך,אז ג-ט זאל אונז עפענען א טיר
פון דעם
ווארט כדי צו רעדן דעם סוד פון משיח,צוליב וועלעכער איך בין אין
אויך געבונדן.

4 כדי איך זאל עס קענען מגלה זיין וי איך דארף רעדן.
5 וואנדלט אין חכמה לגבי די וועלכער זיינן אין דרויסן,אויסקויפנדיק
די
צייט.
6 זאלט אייער רעד זיין אלעמאל מיט חן,געווירצט מיט זאלץ,כדי צו
ויסן וןוי
אזוי צו געבן יעדן איינעם א תשובה.
7 אלץ וואס מיר באטרעפט וועט טיכיקוס,דער באליבטער ברודער
און געטרייער
משרת, אייך צו וויסן טון.
8 ווענמען איך האב געשיקט צו אייך פאר אזא צוועק,כדי אז ער זאל
וויסן אייער
צושטאנד און זאל טרייסטן אייערע הערצער.
9 צוזאמען מיט אונעסימוס,א געטרייער און באליבטער
ברודער,וועלכער איז איינער
פון אייך.זיי וועלן אייך איבערגעגבן אלץ וואס  קומט דא פאר.
10 אריסטארקוס מיין מיטגעפאנגענער און מארקוס דער זון פון בר-
נאבס שוועסטער(וועגן
וועמען איר האט שוין באקומען באפעלן,אויב ער קומט צו אייך,זאלט
איר אים אפנעמען).

11 און ישוע וועלכער איז אנגערופן יוסטוס,וואס זיינן פון די
געמלטע.די
אליין זיינן מיינע מיטארבעטער אין דעם מלכות פון ג-ט,וועלכע זיינן
געווען
א טרייסט פאר אייך.
12 אפאפראס וועלכער איז איינער פון אייך,א קנעכט פון דעם
משיח,גיט אייך
אפ א גרוס,אלעמאל ארבעט ער פעסט פאר אייעט וועגן מיט תפילות
,כדי אז איר זאלט
שטיין שלמיתדיק  און גאנץ אין ג-טס רצון.
13 ווייל איך בין מעיד אויף אים,אז ער האט א גרוסער זארג פאר
אייך און
פאר די וועלכע זיינן אין לייקודאיסיא און פאר די אין היראפולוס.
14 לוקוס,דער געליבטער  דוקטער און דאימוס גרוסן אייך.
15 גיט אפ שלום צו די ברידער וועלכע זיינן אין לייקודאיסיא,און
נימפאס
און די קהילה ווא סאיז ביי אים אין הויז.
16 און ווען דער בריוו איז געליינט ביי אייך,מאכט אז זי זאל אויך
געליינט
ווערן אין דער קהילה פון די לייקודאיסיים,און איר זאלט אויך ליינן
דעם בריוו
פון לייקודאיסיא.
17 און זאגט פאר ארשיפוס,גיב אכטונג אז דאס וואס איר האט
באקומען פון דעם
האר,זאלט איר מקיים זיין.
18  דער גרוס מיט מיין אייגענער האנטשריפט ,איך פולוס.געדענקט
מיינע קייטן.חסד
זאל זיין מיט אייך.אמן.